*ב"ה*

# לעבן מיט דער צייט

*געדאנקען אויף דער פרשה פון דער וואך*
*פאר קינדער און יוגנט*
*לויט די שיחות*
*פון ליובאוויטשער רבי'ן*

## פרשת לך לך

### לך לך (א)

דער אויבערשטער האט אנגעזאגט אברהם אבינו "לך לך מארצך וממולדתך ומבית אביך אל הארץ אשר אראך" (גיי ארויס פון דיין לאנד און פון דיין געבורטסארט און פון דיין פאטער'ס הויז צום לאנד וואס איך וועל דיר אנווייזן). דער פשוטער טייטש איז אז אברהם זאל ארויסגיין פון חרן און גיין אין ארץ ישראל. דער טיפערער טייטש איז אז דער אויבערשטער רעדט צו יעדער איד וועלכער איז מזרע אברהם, און זאגט עם:

*לך לך* - גיי צו זיך, צו דעם אמת'ן איד וואס איז אלעמאל גוט. א איד האט א נשמה וואס איז א טייל פון אויבערשטן און איז אלעמאל גוט.

מען דארף ארויסגיין פון:

*מארצך* - פון האבן א שייכות צו זאכן וועלכע זיינען "ארציים" - ערדישע. זאכן וועלכע האבן צו טאן מיט ערד און גשמיות. מען דארף ניט ליגן אין תאוות פון עסן און טרינקן אאז"וו.

*ממולדתך* - פון די שלעכטע געוואוינהייטן וועלכע מען האט געלערנט און זיך איינגעוואוינט אין דעם געבורטסארט. מען דארף אפלאזן די שלעכטע מדות וועלכע קומען פון יצר הרע, און זיך איינגעוואוינען אין גוטע מדות וועלכע קומען פון יצר טוב.

*ומבית אביך* - פון די שלעכטע געדאנקען און פון דעם שלעכטן פארשטאנד פון דעם יצר הרע. פארשטאנד הייסט א "טאטע" פון די געפילן, ווייל די געפילן זיינען נאך דעם פארשטאנד. למשל א קליין קינד האט ליב א "לאליפאפ" ווייל לויט זיין פארשטאנד איז דאס די בעסטע זאך וואס איז פאראן אויף דער וועלט. אן עלטערער האט ליב געלט און כבוד אאז"וו, ווייל ער פארשטייט אז די זאכן זיינען ווערט מער פון א "לאליפאפ". דער יצר טוב פארשטייט אז די אמת'ע גוטע זאכן זיינען תורה ומצוות, און די זאכן דארף מען גלייכן. דער ארויסגיין פון די שלעכטע מדות און געוואוינהייטן, און זיך איינגעוואוינען אין גוטע מדות און געוואוינהייטן, ברייגגט א איד צו:

*הארץ אשר אראך* - צו ארץ ישראל, וואס דאס מיינט דער תכלית וואוהין א איד דארף צוקומען אין זיין עבודת השם.

(מלקו"ש ח"ב ע' 659)

## לך לך (ב)

דער ראב"ד שרייבט אז מיר געפינען די מצוה פון געבן מעשר נאך פאר מתן תורה. ווען אברהם אבינו האט זיך אומגעקערט פון די מלחמה מיט די מלכים, האט ער אפגעגעבן א צענטל - מעשר - פון זיין פארמעגן צו מלכי צדק (שם בן נח - רש"י) וועלכער איז געווען "כהן לא-ל עליון".

די באדייטונג פון "מעשר" איז: לה' הארץ ומלואה. אלץ וואס א איד פארמאגט געהערט צום אויבערשטן. דעריבער דארף א איד צום אלעם ערשטן אפגעבן א צענטל "מן המובחר" צום לוי (וואס ה' הוא נחלתו) און ערשט נאך דעם נוצט ער די אנדערע טיילן פאר זיינע אייגענע צוועקן, "למען דעת שהכל שלו" (כדי מען זאל וויסן אז אלץ איז דעם אויבערשטענ'ס).

דאס איז דער ענין פון "כל מעשיך לשם שמים" און "בכל דרכיך דעהו". ניט נאר ווען מען איז מקיים א מצוה נאר אויך זיינע פריוואטע מעשים און דרכים זיינען "לשם שמים" און אין אן אופן פון "דעהו". אויך די מעשים זיינען דורכגעדרונגען מיט געטליכקייט.

בזמן הזה איז ניט פאראן די מצוה פון מעשר בהמה, אבער עס איז פאראן די מצוה פון מעשר כספים - צדקה.

גמילות חסד קען מען טאן בגופו און בממונו. דער כח אויף ארויסנעמען אייגענע געלט פון קעשענע און אפגעבן עס אויף צדקה, אדער צוטיילן זיך זיין עסן מיט יענעם, אדער העלפן עם מיט א גמילות חסד בגופו - באקומען מיר פון אברהם אבינו וועלכער האט גענומען זיין אייגענעם פארמעגן און עס אפגעגעבן אויף מעשר.

אברהם אבינו איז געווען א גרויסער מכניס אורח. זיין געצעלט האט געהאט פיר טירן אויף אלע פיר זייטן אז אורחים זאלן קענען אריינגיין. "ויטע אשל", דרשנ'ען חז"ל אז ער האט געגעבן די אורחים אכילה שתי' (אדער שינה) און לויה - עסן טרינקען (אדער שלאפן) און ער האט זיי באגלייט.

(לקו"ש ח"ה ע' 70)

## לך לך (ג)

דער אינהאלט פון דער היינטיגער סדרה איז וועגן דעם געבורט פון ישמעאל'ן און יצחק'ן.

ווען דער אויבערשטער האט צוגעזאגט אברהם'ען אז ביי עם וועט געבוירן ווערן יצחק, האט ער שוין געהאט ישמעאל, און ער האט געזאגט צום אויבערשטן: לו ישמעאל יחי' לפניך (הלואי זאל כאטש ישמעאל לעבן פאר דיר). דאס הייסט אז ער וואלט געווען צופרידן אפילו אויב יצחק וואלט ניט געבוירן געווארן, אבי אז ישמעאל וועט לעבן "לפניך", וועט זיך אויפפירן ווי מען דארף, און וועט גיין אין דעם אויבערשטענ'ס וועגן.

ישמעאל'ס מאמע הגר, דערציילט דער מדרש, איז געווען זייער א פרומע. זי איז געווען די טאכטער פון פרעה מלך מצרים, אבער זי איז פון דארטן אוועק זאגענדיק: עס איז בעסער צו זיין א דינסט אין אברהם'ס שטוב ווי א פרינצעסן אין פרעה'ס שטוב. פארשטייט זיך אז הגר האט געהאדעוועט איר זון ישמעאל אויך אין דעם וועג. דערפאר האט אברהם געהאפט צו האבן נחת פון ישמעאל.

פונדעסטוועגן האט דער אויבערשטער געענטפערט אברהם: "ולישמעאל שמעתיך",

פון ישמעאל וועסטו אויך האבן נחת, אבער מיט דעם קענסטו זיך ניט באגנוגענען, "כי ביצחק יקרא לך זרע", דעם אמת'ן נחת וועסטו האבן דוקא פון יצחק.

פארוואס טאקע?

דער אונטערשייד פון ישמעאל און יצחק איז: ישמעאל'ס געבורט איז געווען אויף א נאטירלעכען אופן. יצחק'ס געבורט איז געווען דורך ניסים, ווייל אברהם און שרה זיינען געווען זייער אלט, און נאר דורך א נס איז יצחק געבארן געווארן.

דערפאר איז אויך דער ברית (דער בונד מיט דעם אויבערשטן) פון ישמעאל געווען צו זיין בר מצוה, ווען מען באקומט פארשטאנד. יצחק'ס ברית איז געווען צו אכט טעג ווען ער האט נאך ניט פארשטאנען.

דער אויבערשטער האט געזאגט צו אברהם אבינו: דעם *אמת'ען* אידישן נחת קען מען האבן דוקא פון אזא קינד וואס זיין געבורט און זיין גאנצער לעבן - באלד פון געבורט אן - איז אויף א ג-טליכן אופן. ביי אזא קינד וועט די אידישקייט זיין ניט בלויז לויט זיין שכל נאר מיט *מסירת נפש* און מען וועט האבן פון עם דעם אמת'ען אידישן נחת.

(לקו"ש ח"א ע' 18)

---

[Back to "Leben Mit Der Tzeit"](#)